# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................5:40
מוצאי שב"ק....................7:12

**שיעורים כסדרן**
נ"ך...............יחזקאל כ"ח-כ"ט
בבלי..........................יבמות ה'
ירושלמי...........בבא מציעא ו'
תוספתא...................מנחות ו'
רמב"ם..............פרה אדומה ו'

פרשת ויקרא, שבת זכור, ט' אדר ב', שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 11, גליון 28 (543)


# אַ וָואוּרְט אוֹיף דִּי פַּרְשָׁה

וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה וַיְדַבֵּר ה' אֵלָיו מֵאֹהֶל מוֹעֵד לֵאמֹר, רַשִׁ"י זָאגְט אַז דֶער קוֹל אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי אוֹיעֶרְן פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, נָאר עֶר הָאט עֶס גֶעהֶערְט, אוּן אַלֶע אִידְן הָאבְּן עֶס נִישְׁט גֶעהֶערְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן א'), אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיף דִי שֵׂכֶל פוּן יֶעדֶע זַאךְ. דָאס מֵיינְט, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט צוּלֵייגְן קָאפּ, וֶועט עֶר בַּאמֶערְקְן, וִוי אַלֶע זַאכְן וָואס פַּאסִירְן אַרוּם אִים, זֶענֶען רְמָזִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ אִים. וַוייל אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דָאךְ דִי וֶועלְט, מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֶענְדִיג רְמָזִים פַארְן מֶענְטְשׁ, אִים מְקַרֵב צוּ זַיין צוּ אִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּפְט צוּם מֶענְטְשׁ; "קוּם צוּ מִיר, רֶעד צוּ מִיר", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ יֶעדְן אִיד אִין יֶעדְן מַצָּב, אוּן עֶר וִויל אִים נָאר מְקַרֵב זַיין צוּ זִיךְ, אוּן אִים הֶעלְפְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּפְט שְׁטֶענְדִיג צוּ יֶעדְן אִיד, דוּרְךְ דִי רְמָזִים וָואס עֶר שִׁיקְט אִים, אוּן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ לֵייגְט צוּ קָאפּ דֶערְצוּ, דַאן, וַיְדַבֵּר ה' אֵלָיו, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוייטֶער רֶעדְן צוּ אִים, אוּן אִים מְקַרֵב זַיין.

דָאס וָוארְט "וַיִּקְרָא" הָאט אַ קְלֵיינֶע אַלֶף. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ר"נ), וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הָאט עֶר נִישְׁט קַיין יִסוּרִין, סֵיי גֵייסְטִישֶׁע יִסוּרִים הָאט עֶר זִיכֶער נִישְׁט, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּם גוּטְן, אוּן אֲפִילוּ פִיזִישֶׁע יִסוּרִים וָואס דָאס מוּז מֶען פִילְן, אִיז עֶס אָבֶּער אוֹיךְ אַסַאךְ גְרִינְגֶער, וַוייל לְמַעֲשֶׂה וֵוייסְט עֶר אַז עֶס קוּמְט אוֹיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זַיין טוֹבָה. וִידֶער אֵיינֶער וָואס טְרַאכְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיף אִים יִסוּרִים, וֶוערְט עֶר אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן, אוּן הָאט נִישְׁט מִיט וָואס זִיךְ מְחַזֵק צוּ זַיין.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, "וַיִּקָר", אָן דִי אַלֶף, מֵיינְט "עֶס הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז עֶס טְרֶעפְט זִיךְ זַאכְן פוּן זִיךְ אַלֵיינְס אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר גְרוֹיסֶע צָרוֹת, אָבֶּער וֶוען מֶען לֵייגְט אַרַיין דֶעם קְלֵיינֶעם אַלֶף, דָאס מֵיינְט דֶעם "אַלּוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם" - דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט אִיז עֶס "וַיִּקְרָא - עֶר הָאט גֶערוּפְן", עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּפְט אִים, אוּן עֶר קוּמְט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער צָרוֹת, הָאט עֶר נָאר אֵיין עֵצָה, צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּ אִים אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, דַאן וֶועט עֶר אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע צָרוֹת.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיִּקְרָא א-ב)

# מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

## אַ פְרֵיילִיכְן פּוּרִים

מִיר דֶערְנֶענְטֶערְן זִיךְ שׁוֹין צוּם הֵיילִיגְן אוּן פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב פּוּרִים, וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּנוּצְן דֶעם פּוּרִים וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, עֶר טוּט אַלֶע מִצְוֹת פוּן פּוּרִים, אוּן עֶר נֶעמְט אַרָאפּ אַבִּיסְל צַייט זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים צוּ דֶערְצֵיילְן אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן וָואס עֶר גֵייט אַרִיבֶּער. סֵיי בְּרוּחֲנִיוּת, וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז אִים בֵּייצוּקוּמֶען דֶעם שְׁוֶוערְן יֵצֶר הָרָע וָואס בְּרֶענְט אִים. אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיוּת דִי צָרוֹת אוּן שְׁוֶועריקֵייטְן וָואס עֶר לַיידְט אִין לֶעבְּן; דַאן וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן פּוּרִים אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר. עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוּן פְרֵיילִיךְ סֵיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן סֵיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

### לֵיינֶען דִי מְגִילָה

דִי מִצְוָה פוּן לֵיינֶען דִי מְגִילָה אִיז גָאר גְרוֹיס, יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז מְחוּיָב צוּ לֵיינֶען אָדֶער הֶערְן דִי מְגִילָה, סֵיי מֶענֶער אוּן סֵיי פְרוֹיעֶן, אוּן אוֹיךְ דִי קִינְדֶער דַארְף מֶען מְחַנֵךְ זַיין צוּ הֶערְן דִי מְגִילָה לֵיינֶען. לְכַתְּחִילָה דַארְף מֶען גֵיין אִין שׁוּל צוּ הֶערְן דִי מְגִילָה לֵיינֶען, וַוייל "בְּרוֹב עָם הַדְרַת מֶלֶךְ". אוּן אוֹיבּ קֶען מֶען נִישְׁט גֵיין אִין שׁוּל, דַארְף מֶען לֵיינֶען דִי מְגִילָה אִינְדֶערְהֵיים אָדֶער וואו מֶען גֶעפִינְט זִיךְ.

וֶוען מֶען הֶערְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי מְגִילָה, אוּן מֶען טְרַאכְט אַרַיין אִין וָואס דָארְט הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפִּילְט, זֶעט מֶען וִוי דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע נִסִים זֶענֶען גֶעוֶוען בַּאהַאלְטְן אִין דִי טֶבַע. דָאס מֵיינְט אַז פוּן אוֹיבְּן-אוֹיף וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט מֵיינֶען אַז דִי אַלֶע זַאכְן הָאט פָּשׁוּט אַזוֹי פַּאסִירְט, אַז פּוּנְקְט הָאט אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ זִיךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן גֶע'הַרְגִ'ט זַיין קֶענִיגִן וַשְׁתִּי, אַז פּוּנְקְט הָאט מָרְדְּכַי הַצַּדִיק זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעהֶערְט אוּן פַארְשְׁטַאנֶען אַז בִּגְתָן אוּן תֶּרֶשׁ ווִילְן הַרְגֶ'ענֶען דֶעם קֶענִיג, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה קוּקְט אוֹיס וִוי אַלֶעס אִיז גֶעשֶׁען בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע.

וֶוען דִי מַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ אָבֶּער גֶעעֶנְדִיגְט, אוּן מֶען הָאט צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט דִי אַלֶע פַּאסִירוּנְגֶען, הָאט מֶען קְלָאר גֶעזֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס אַלֶעס גֶעפִירְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגְן חֶשְׁבּוֹן צוּ הֶעלְפְן אוּן צוּ רַאטֶעוֶוען דִי אִידְן.

דָאס אִיז גָאר אַ שְׁטַארְקֶע חִזּוּק פַאר דִי שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע דוֹרוֹת, אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס קוּמְט אַ צַייט וָואס מֶען זֶעט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן אוּן עֶס קֶען אוֹיסְזֶען וִוי עֶר הָאט אוּנְז אִינְגַאנְצְן פַארְלָאזְט אוּן עֶר קוּקְט זִיךְ נִישְׁט אוּם אוֹיף דֶער וֶועלְט. דַארְף מֶען אָבֶּער וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג דָא מִיט אוּנְז, עֶר פִירְט יֶעדֶע זַאךְ, אוּן אֲפִילוּ דִי זַאכְן וָואס זֶעעֶן אוֹיס וִוי עֶס פַּאסִירְט פָּשׁוּט בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע, וֶוערְן אֶמֶת'דִיג אוֹיךְ גֶעפִירְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, אַלֶעס הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכְן חֶשְׁבּוֹן פַארְוָואס דָאס דַארְף אַזוֹי צוּ זַיין.

וֶוען מֶען הֶערְט אוֹיס דִי מְגִילָה לֵיינֶען, דַארְף מֶען זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן אַזוֹי וִוי דִי מַעֲשֶׂה הָאט יֶעצְט פַּאסִירְט מִיט יֶעדְן מֶענְטְשׁ. וַוייל וֶוען מֶען קוּקְט גוּט זֶעט מֶען אַז אוֹיךְ הַיינְט טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט יֶעדְן מֶענְטְשׁ גְרוֹיסֶע נִסִים, נָאר זֵיי זֶענֶען בַּאהַאלְטְן אוּן זֶעעֶן אוֹיס וִוי אַ דֶרֶךְ הַטֶּבַע. דִי פְלִיכְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז

<<<<<<

## א גוט ווארט

מוֹהַרָא"שׁ זָאגְט אַז מֶען קֶען דֶערְקֶענֶען פּוּרִים אַ גְרוֹיסֶער חִילוּק פוּן אֵיינֶעם וָואס אִיז בֶּאֱמֶת שִׁיכּוֹר, צִי עֶר מַאכְט זִיךְ נָאר שִׁיכּוֹר, עֶר אִיז פָּשׁוּט צֶעווִילְדֶעוֶועט.

אֵיינֶער וָואס אִיז בֶּאֱמֶת שִׁיכּוֹר פַאלְט פוּן דִי פִיס, עֶר זִינְגְט אוּן עֶר וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר זוּכְט קֵיינֶעם נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען, פַארְקֶערְט עֶר הָאט לִיבּ יֶעדְן אֵיינֶעם.

דֶערְפַאר וֶוען מֶען זֶעט אַז אֵיינֶער אִיז צֶעווִילְדֶעוֶועט, עֶר שְׁלָאגְט אוּן זֶעצְט מֶענְטְשְׁן, עֶר צוּבְּרֶעכְט זַאכְן, אוּן מַאכְט שָׁאדְנְס, דַארְף מֶען וִויסְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז בִּכְלַל נִישְׁט שִׁיכּוֹר, עֶר אִיז פָּשׁוּט אַ פֶּרֶא אָדָם, עֶר וָואלְט אַ גַאנְץ יָאר אוֹיךְ גֶעוָואלְט שְׁלָאגְן אוּן מַאכְן חוּרְבָּנוֹת, נָאר אַ גַאנְץ יָאר שֶׁעמְט עֶר זִיךְ דָאס צוּ טוּן, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט פּוּרִים נוּצְט עֶר אוֹיס דִי גֶעלֶעגְנְהֵייט, עֶר מַאכְט זִיךְ אַזוֹי וִוי עֶר אִיז שִׁיכּוֹר אוּן עֶר גֶעבְּט אַרוֹיס זַיין גַאנְצֶע עַזּוּת. עֶר אִיז בֶּאֱמֶת בִּכְלַל נִישְׁט שִׁיכּוֹר, וַוייל אֵיינֶער וָואס אִיז בֶּאֱמֶת שִׁיכּוֹר זוּכְט נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען קֵיינֶעם.

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# שָׁלוֹם צְוִוישְׁן מַאמֶע אוּן שְׁוִויגֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ד' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ט אָדָר א', עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אָדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

מִיט חָכְמָה קֶענְט אִיר אַלֶעס צוּרִיק דְרֵייעֶן, נֶעמְט דִי טְרִיק פוּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (אָבוֹת דְּרַבִּי נָתָן יב, ג) וִוי אַזוֹי אַהֲרֹן הַכֹּהֵן פְלֶעגְט שָׁלוֹם מַאכְן צְוִוישְׁן צְוֵויי פַּיינְט, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם: "דַיין חַבֵר ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק רֶעדְן מִיט דִיר אָבֶער עֶר שֶׁעמְט זִיךְ פוּן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען, עֶר הָאט חֲרָטָה, עֶר זָאגְט אַ גַאנְצְן צַייט, הַלְוַואי וֶוען עֶר קֶען וֶוען צוּרִיק דְרֵייעֶן", נָאכְדֶעם אִיז אַהֲרֹן הַכֹּהֵן גֶעגַאנְגֶען צוּם צְוֵוייטְן מִיט דִי זֶעלְבֶּע מַעֲשֶׂה, אִים אָנְגֶערֵייצְט אַז יֶענֶער ווִיל שָׁלוֹם מַאכְן, יֶענֶער הָאט חֲרָטָה, עֶר שֶׁעמְט זִיךְ פוּן דִיר, נָאכְדֶעם וֶוען דִי בֵּיידֶע הָאבְּן זִיךְ גֶעטְרָאפְן זֶענֶען זֵיי אַרוֹיפְגֶעפַאלְן אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן, זִיךְ גֶעהַאלְזְט אוּן גֶעקוּשְׁט, אוּן גֶעוָוארְן נָאנְטֶע חֲבֵרִים.

אַזוֹי זָאלְט אִיר טוּן, וֶוען אִיר רֶעדְט מִיט אֵייעֶר מַאמֶע זָאלְט אִיר זִי זָאגְן וִוי שְׁטַארְק אֵייעֶר שְׁוִויגֶער שֶׁעמְט זִיךְ אַז זִי אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען וְכוּ', אוּן וֶוען אֵייעֶר מַאן רֶעדְט צוּ זַיין מַאמֶע זָאל עֶר אַרַיינְוַוארְפְן גוּטֶע וֶוערְטֶער פוּן אֵייעֶר מַאמֶע.

בַּאלְד קוּמְט פּוּרִים, מַאכְט אַ שְׁפִּיצְל, מַאכְט צְוֵויי שֵׁיינֶע מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת'עֶר; וֶוען אִיר גֵייט צוּ אֵייעֶר מַאמֶע זָאלְט אִיר זָאגְן: "אִיךְ קוּם פוּן מַיין שְׁוִויגֶער, זִי שִׁיקְט דִיר דִי שֵׁיינֶע מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת", אוּן וֶוען אִיר גֵייט צוּ אֵייעֶר שְׁוִויגֶער זָאגְט אִיר: "דָאס אִיז פוּן מַיין מַאמֶע"; אַזוֹי וֶועט אִיר זַיין בִּבְחִינַת אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, אוֹהֵב שָׁלוֹם וְרוֹדֵף שָׁלוֹם.

אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען אֵיינֶער רֶעדְט שְׁלֶעכְט אָדֶער מַאכְט חוֹזֵק - זָאל מֶען דָאס חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אִיבֶּערְזָאגְן. וֶוען אִיר רֶעדְט מִיט אֵייעֶר מַאמֶע אוּן זִי זָאגְט עֶפֶּעס אַ שְׁלֶעכְט וָוארְט - זָאלְט אִיר עֶס נִישְׁט טְרָאגְן וַוייטֶער, אֲפִילוּ אֵייעֶר מַאן דַארְף דָאס נִישְׁט הֶערְן. פַאר אֵייעֶר מַאן זָאגְט: "מַיין מַאמֶע רֶעדְט זֵייעֶר שֵׁיין פוּן דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן אַוַודַאי פוּן דִיר", אוּן וֶוען אֵייעֶר שְׁוִויגֶער זָאגְט עֶפֶּעס אַ קְרוּם וָוארְט - שְׁלִינְגְט עֶס אַרָאפּ.

דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט פוּן מַיין טֵייעֶרֶע מַאמֶע, זִי פְלֶעגְט אוּנְז אַלְץ זָאגְן: "הָאסְט אַ גוּט וָוארְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן - זָאג עֶס אִיבֶּער פַאר יֶענֶעם, הָאסְט אַ שְׁלֶעכְט וָוארְט - שְׁלִינְג עֶס אַרָאפּ"; מַיין מַאמֶע תְּחִיֶ' זָאגְט אַז זִי הָאט דָאס גֶעלֶערְנְט פוּן אִיר מַאמֶע, מַיין בַּאבֶּע רָחֵל לֵאָה עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם. מַיין מַאמֶע תְּחִיֶ' זָאגְט, אִיךְ לֵייג צוּ נָאךְ שְׁטֶערְקֶער: "הָאסְט אַ שְׁלֶעכְט וָוארְט - שְׁלִינְג עֶס אַרָאפּ, אֲפִילוּ דוּ דֶערְשְׁטִיקְסְט זִיךְ"; עֶנְדֶערְשׁ טְשָׁאוּ"ק זִיךְ, וִוי אֵיידֶער טְרָאגְן אַ נִישְׁט גוּטֶע וָוארְט.

אֵיין גוּט וָוארְט קֶען מַאכְן אַ שָׁלוֹם, אוּן אֵיין שְׁלֶעכְט וָוארְט מַאכְט מַחְלוֹקֶת, אוּן אַלֶע צָרוֹת קוּמְט פוּן מַחְלוֹקֶת, אַלֶע קְרַאנְקְהֵייטְן קוּמְט פוּן מַחְלוֹקֶת. אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן יד): "כִּי כָּל הַחוֹלַאַת בָּאִין עַל יְדֵי בְּחִינַת מַחֲלֹקֶת", אַלֶע קְרַאנְקְהֵייטְן קוּמֶען פוּן קְרִיגֶערֵייעֶן.

אִין דֶעם זְכוּת פוּן מַאכְן וָואס אַהֲרֹן הַכֹּהֵן הָאט גֶעמַאכְט - וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה, אִיר וֶועט זֶען בַּאשַׁיינְפֶּערְלִיךְ וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן גְרוֹיסֶע נִסִּים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פְּקוּדֵי תשפ"ב)

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

אַרַיינְצוּטְרַאכְטְן אִין דֶעם, צוּ זֶען אוּן בַּאמֶערְקְן דִי אַלֶע נִסִּים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים כְּסֵדֶר, אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט דִי אִידְן דֶעמָאלְט אִין דִי צַייטְן פוּן מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק אוּן אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה.

### מֶען טֵיילְט פַאר יֶעדְן

חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי מְגִילָה פֶּרֶק א', הֲלָכָה ד') אַז אִין יוֹם טוֹב פּוּרִים "כָּל מִי שֶׁהוּא פּוֹשֵׁט אֶת יָדוֹ לִטּוֹל, נוֹתְנִין לוֹ" - וֶוער עֶס שְׁטְרֶעקְט אוֹיס אַ הַאנְט צוּ נֶעמֶען, גֶעבְּט מֶען אִים. בִּפְשְׁטוּת מֵיינְט דָאס אַז אוּם פּוּרִים טֵיילְט מֶען צְדָקָה פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, מֶען קוּקְט קֵיינֶעם נִישְׁט נָאךְ, נָאר וֶוער עֶס שְׁטְרֶעקְט אוֹיס אַ הַאנְט צוּ נֶעמֶען צְדָקָה, גֶעבְּט מֶען אִים.

דָאס גֵייט אָבֶער אוֹיךְ אַרוֹיף אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער. אִין דֶעם הֵיילִיגְן טָאג פּוּרִים אִיז דָא אַ גֶעוַואלְדִיגֶער עֵת רָצוֹן, אוּן וָואס אַ מֶענְטְשׁ בֶּעט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעבְּט מֶען אִים גְלַייךְ. מֶען קוּקְט אִים נִישְׁט נָאךְ צוּ זֶען אוֹיבּ עֶר אִיז יָא וֶוערְד אַז מֶען זָאל אִים הֶעלְפְן אָדֶער נִישְׁט.

אִין תִּקּוּנֵי זוֹהַר (נ"ז:) וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַז "פּוּרִים" אִיז אַזוֹי וִוי "יוֹם כִּפּוּרִים". יוֹם כִּיפּוּר אִיז דָאךְ דִי הֵיילִיגְסְטֶע טָאג פוּן יָאר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת. אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז אִין פּוּרִים, וָואס דֶעמָאלְט אִיז גָאר אַ הֵיילִיגֶע אוּן גֶעהוֹיבֶּענֶע צַייט. וֶוען אַ אִיד הָאט שֵׂכֶל אוּן נוּצְט אוֹיס דֶעם טָאג וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין גַאנְצֶע הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף, קֶען עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת גְרִינְגֶערְהֵייט.

אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס שְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, עֶר פִּילְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים שׁוֹין נִישְׁט הָאבְּן; וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶער דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב פּוּרִים אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט פַאר אִים זִיךְ צוּרִיק צוּ קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אִין פּוּרִים קוּקְט מֶען קֵיינֶעם נִישְׁט נָאךְ, מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיבּ מֶען אִיז יָא וֶוערְד אָדֶער נִישְׁט. אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעטוּן דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת, קֶען זִיךְ יֶעצְט אוֹיפְהוֹיבְּן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אִים מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אוּן אַז עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן אַז פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער זָאל עֶר שׁוֹין זַיין נָאר וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער אוֹיפְנֶעמֶען מִיט בֵּיידֶע הֶענְט, עֶר וֶועט אִים מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, אוּן עֶר וֶועט אִים אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד מִיטְ'ן נָאמֶען רֶבִּי מֵאִיר טֶעפְּלִיקֶער, עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט אִין דִי שְׁטָאט טֶעפְּלִיק אוּן עֶר הָאט מְקָרֵב גֶעוֶוען אַסַאךְ אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אֵיינֶער פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים אִיז גֶעוֶוען אַ דָארְפְּס-אִיד, וָואס פְלֶעגְט קוּמֶען צוּ אִים צוּ הֶערְן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

רֶבִּי מֵאִיר פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן אַז פּוּרִים פְלֶעגְט עֶר מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה בַּיי זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים, אוּן צְוֵויי אַזֵייגֶער נָאכְמִיטָאג הָאט מֶען אַרָאפְּגֶעמַאכְט דִי לָאדְנְס, פַארְמַאכְט אַלֶע פֶּענְסְטֶערְס, מֶען הָאט אָנְגֶעצוּנְדְן אַסַאךְ לִיכְט אוּן גֶעגֶעסְן אוּן זִיךְ גֶעפְרֵיידְט אוּן גֶעטַאנְצְן מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה אוּן פְרֵייד בִּיז שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט.

אֵיין יָאר פּוּרִים אִיז דֶער דָארְפְּס-אִיד גֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט צוּ ר' מֵאִיר אִינְדֶערְהֵיים מִיטְצוּהַאלְטְן דִי גֶעהוֹיבֶּענֶע סְעוּדַּת פּוּרִים. אִינְמִיטְן טַאנְצְן הָאט ר' מֵאִיר בַּאמֶערְקְט וִוי אַלֶע טַאנְצְן אוּן פְרֵייעֶן זִיךְ אוּן נָאר דֶער דָארְפְּס-אִיד זִיצְט אִין דִי זַייט טְרוֹיעֶרִיג אוּן עֶר הַאלְט נִישְׁט מִיט דִי שִׂמְחָה. ר' מֵאִיר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי טְרוֹיעֶרִיג? הַיינְט אִיז דָאךְ פּוּרִים מֶען דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ", הָאט דֶער דָארְפְּס-אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס טוּט מֶען אָבֶער וֶוען מֶען הָאט אַ צִבְיָ' אוֹיפְן קָאפּ?" וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט אַסַאךְ טֶעכְטֶער חֲתוּנָה צוּ מַאכְן, אוּן דִי עֶלְטְסְטֶע הָאט גֶעהֵייסְן צִבְיָ', אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט אִיר חֲתוּנָה צוּ מַאכְן.

הָאט אִים ר' מֵאִיר גֶעזָאגְט: "אוּן אַז עֶס אִיז דִיר אַזוֹי שְׁלֶעכְט, אִיז דָאס דִי עֵצָה? צוּ זִיצְן אִין דִי זַייט טְרוֹיעֶרִיג? דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אַנְדֶערְשׁ גֶעלֶערְנְט, מִיר הָאבְן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּנֶעם רֶבִּי'ן אַז וֶוען עֶס אִיז גָאר שְׁלֶעכְט, שְׁרֵייט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: 'צָרוֹת לְבָבִי הִרְחִיבוּ מִמְּצוּקוֹתַי הוֹצִיאֵנִי'". ר' מֵאִיר הָאט אִים אָנְגֶעכַאפְּט בַּיים הַאנְט אוּן אַרַיינְגֶעשְׁלֶעפְּט אִין דִי רִינְג, אַלֶע זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען אָנְגֶעטְרוּנְקֶען אוּן פְרֵיילִיךְ אוּן רֶבִּי מֵאִיר שְׁרֵייט צוּם דָארְפְּס-אִיד: "הֶער מִיךְ צוּ, זָאג מִיךְ נָאךְ, אוֹיבּ עֶס אִיז שׁוֹין גָאר שְׁלֶעכְט, שְׁרֵייט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: 'צָרוֹת לְבָבִי הִרְחִיבוּ מִמְּצוּקוֹתַי הוֹצִיאֵנִי'", אוּן דֶער דָארְפְּס-אִיד הָאט אִים נָאכְגֶעזָאגְט, אַזוֹי הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַסַאךְ מָאל מִיט בְּכִיּוֹת עֲצוּמוֹת אוּן מִיט גְרוֹיס פְרֵייד, בִּיז זֵיי זֶענֶען שׁוֹין הֵייזֶערִיג גֶעוָוארְן.

נָאךְ פּוּרִים הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר אִיד אִיז דוּרְכְגֶעפָארְן דֶעם דָארְף אוּן עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי דֶעם דָארְפְּס-אִיד. דִי עֶלְטְסְטֶע טָאכְטֶער צִבְיָ' הָאט אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן אָנְגְרֵייטְן פַארְ'ן אוֹרֵחַ עֶפֶּעס צוּ עֶסְן,

דִי מֵיידְל אִיז גֶעפָאלְן פַארְ'ן אוֹרֵחַ, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט צוּם דָארְפְּס-אִיד: "אִיךְ הָאבּ אַ בָּחוּר אִינֶעם זֶעלְבְן עֶלְטֶער, אֶפְשָׁר זָאלְן מִיר זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין?" דֶער דָארְפְּס-אִיד הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר אִיז מַסְכִּים, עֶר דַארְף אָבֶער קוֹדֶם פְרֶעגְן זַיין רֶבִּי'ן, וֶוען דֶער אוֹרֵחַ הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט וֶוער זַיין רֶבִּי אִיז, הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "רֶבִּי מֵאִיר טֶעפְּלִיקֶער. עֶר הָאט מִיר מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּם רֶבִּי'ן" הָאט דֶער אוֹרֵחַ גֶעזָאגְט: "עֶר וֶועט זִיכֶער מַסְכִּים זַיין". זֵיי זֶענֶען אַרִיבֶּערְגֶעפָארְן אוֹיף טֶעפְּלִיק צוּ רֶבִּי מֵאִיר, אוּן עֶר הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען, אוּן מֶען הָאט גֶעשְׁלָאסְן דֶעם שִׁידוּךְ בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת.

הָאט מֶען דֶעמָאלְט בַּאשַׁיינְפֶּערְלִיךְ גֶעזֶען וִוי דִי תְּפִלּוֹת וָואס מֶען הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין פּוּרִים הָאט גֶע'פּוֹעֶל'ט אַ יְשׁוּעָה.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֶען אוֹיסְצוּנוּצְן דֶעם הֵיילִיגְן טָאג פּוּרִים וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מֶען דַארְף אַרָאפְּנֶעמֶען עֶטְלִיכֶע מִינוּט אִין טָאג אוּן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף אוּן דַאן וֶועט מֶען זֶען גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת.

### מִשְׁתֵּה הַיַּיִן

חֲזַ"ל זָאגְן (מְגִילָה ז:) "חַיָּיב אִינִישׁ לְבַסּוּמֵי בְּפוּרַיָּא עַד דְּלָא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי", פּוּרִים דַארְף מֶען טְרוּנְקֶען וַויין בִּיז מֶען וֵוייסְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין חִילוּק פוּן "אָרוּר הָמָן" צוּ "בָּרוּךְ מָרְדְּכַי". דָאס אִיז אַלְס זֵכֶר צוּ דִי גְרוֹיסֶע נִסִּים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט דִי אִידְן דוּרְךְ וַויין.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס טְרִינְקֶען וַויין דַארְף זַיין מִיט שֵׂכֶל, מֶען דַארְף גֶעדֶענְקְן אַז מֶען דַארְף נָאךְ בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן, דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב, אוּן לֵיינֶען

<<<<<<



# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ פּוּרִים, אָן טְרִינְקֶען וַויין?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַּארְ'ן זַיין אַזוֹי גְרֵייט צוּ הֶעלְפְן יֶעדְן אִיד. אִיךְ זֶע אִין דִי בְּרִיוְון אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז גְרֵייט אַזוֹי סַאךְ צוּ הֶעלְפְן אוּן לֵיינֶען יֶעדְנ'ס שְׁאֵלוֹת, אִיךְ קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל אֲפִילוּ אָנְיָאגְן אַזוֹיפִיל צוּ לֵיינֶען יֶעדֶע בְּרִיוו מִיט אַזַא גְרִינְטְלִיכְקֵייט, אַזוֹי וִוי אִיךְ זֶע אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעדֶענְקְט אוּן וֵוייסְט אַלֶעס וָואס מֶען שִׁיקְט.

דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַזוֹי, וֶוען אִיךְ טְרִינְק אַסַאךְ וַויין בַּאקוּם אִיךְ שְׁטַארְקֶע בּוֹיךְ וֵוייטָאג אוּן שִׁלְשׁוּל, קוּמְט אוֹיס אַז אוּם פּוּרִים טְרִינְק אִיךְ נָאר אַבִּיסְל וַויין אוּן אִיךְ וֶוער נִישְׁט שִׁיכּוֹר, דֶערְפַאר אִיז פּוּרִים מַיין עֶרְגְסְטֶע טָאג אִין יָאר, מַמָשׁ פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ, וַוייל אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי זִיךְ אַהִין צוּ טוּן בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג, אִיךְ בִּין מָרָה שְׁחוֹרָה.

אַז אִיךְ גֵיי צוּ מַיין שְׁוֶוער שְׁפִּיר זִיךְ נִישְׁט אִין פְלַאץ, יֶעדֶער שִׁיכּוֹר'ט אוּן רֶעדְט אוּן שְׁרֵייט הוֹיךְ אוּן טַאנְצְט אוּן אִיךְ בִּין צוּ נָארְמַאל, אוּן אַלֶע פְרוֹיעֶן מַיין שְׁוִויגֶער אוּן קִינְדֶער קוּקְן צוּ, אוּן אִיךְ בִּין דֶער נַאר וָואס קְלֶעבְּט נִישְׁט אַריין צוּ דִי פַארְבְּרֶענְג. ווִידֶער בַּיי מַיין טַאטֶע זִיץ אִיךְ כָּאטְשׁ אִין דִי זַייט אוּן אִיךְ שֶׁעם זִיךְ אַבִּיסְל, אָבֶער דִי גַאנְצֶע פּוּרִים אִיז מִיר אַ קַבָּלַת יִסוּרִים, עֶס אִיז מִיר גָארְנִישְׁט וֶוערְד דֶער טָאג, אִיךְ גֵיי אַ גַאנְצְן טָאג אַרוּם מִיט מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער מֶען וואוּנְטְשׁ זִיךְ אַ גוּטְן פּוּרִים אוּן דֶערְנָאךְ וֶוען עֶס וֶוערְט שְׁפֶּעטֶער נָאכְמִיטָאג הוֹיבְּט זִיךְ אָן דָאס טְרִינְקֶען אוּן מֶען גֵייט צוּ אַ סְעוּדָה וואוּ אִיךְ זִיץ אוֹיף נָאדְלֶען פַאר דְרֵיי פִיר שָׁעָה.

דָאס מַאכְט מִיר זֵייעֶר דֶעפְּרֶעסְט, אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ טְרַאכְט נָאר פוּן פּוּרִים, מַיין וַוייבּ הַאלְט מִיר אִין אֵיין פְרֶעגְן וואוּ מִיר זָאלְן גֵיין פּוּרִים פַאר דִי סְעוּדָה, אִיךְ קֶען אִיר נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן וַוייל דִי גַאנְצֶע זַאךְ אִיז מִיר אֵיין שְׁטִיק מָרָה שְׁחוֹרָה.

בִּיטֶע הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר אוּן גֶעבְּט מִיר אַ גוּטֶע עֵצָה וָואס צוּ טוּן מִיט דֶעם פּוּרִים.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי חִיוּת אוּן שִׂמְחָה אוּן תְּשׁוּבָה אוּן תּוֹרָה וּתְפִלָּה אוּן אֱלֹקוּת וָואס אִיךְ בַּאקוּם דוּרְךְ דִי שִׁיעוּרִים אוּן נִיגוּנִים אוּן בְּרִיוו.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' פָּרָשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ט אָדָר א', עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אָדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הַדָּבָר הָרִאשׁוֹן זָאלְסְטוּ נִישְׁט טְרִינְקֶען מֶער וִוי אֵיין גְלֶעזְל; עֶס אִיז אַ קְלָארֶע הֲלָכָה, דֶער רַמָ"א פַּסְקְ'נְט (אוֹרַח חַיִּים סִימָן תרצה, סָעִיף ב) מֶען זָאל טְרִינְקֶען מֶער וִויפִיל מֶען אִיז גֶעוואוֹינְט צוּ טְרִינְקֶען; אֵיינֶער וָואס טְרִינְקְט נִישְׁט קַיין וַויין אַ גַאנְץ יָאר קֶען מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוָה מִיט אֵיין גְלֶעזְל, דֶער רַמָ"א פִּירְט אוֹיס: "וְאֶחָד הַמַּרְבֶּה וְאֶחָד הַמַּמְעִיט, וּבִלְבַד שֶׁיְכַוֵּן לִבּוֹ לַשָּׁמַיִם", סַיי דֶער וָואס טְרִינְקְט אַסַאךְ וַויין, אוּן סֵיי דֶער וָואס טְרִינְקְט וֵוייניג וַויין - דֶער עִיקָר זָאל מֶען אִינְזִין הָאבְּן צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶערִיבֶּער אַז דוּ טְרוּנְקְסְט נִישְׁט קַיין וַויין אַ גַאנְץ יָאר, עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער צוּ טְרִינְקֶען, דוּ וֶוערְסְט קְרַאנְק - זָאלְסְטוּ נָאר טְרִינְקֶען אַבִּיסְל.

שֵׁנִית, דָאס וָואס דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ פּוּרִים בַּיי דַיין שְׁוֶוער אוֹיסְגֶעשְׁפִּילְט, דוּ בִּיסְט דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער וָואס טְרִינְקְט נִישְׁט, דוּ בִּיסְט דֶער נַאר פוּן דִי מִשְׁפָּחָה, אַלֶע זֶענֶען שִׁיכּוֹר וְכוּ', דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי מֶען קוּקְט אוֹיף דִיר; עֶרְשְׁטְנְס, קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִיר, מֶען קוּקְט אוֹיף דִי שִׁיכּוֹרִים, דִי פְרוֹיעֶן זֶענֶען דֶערְשְׁרָאקְן, יֶעדֶער אִיז דֶערְשְׁרָאקְן פוּן זֵייעֶר מַאן, מֶען קוּקְט בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיף דִיר, אַלֶע וָואלְטְן גֶעוָואלְט זֵייעֶר מַאן זָאל זַיין אַזוֹי וִוי דִיר, זִיצְן רוּאִיג אוּן זַיין נָארְמַאל; וְאִם תֹּאמַר מֶען קוּקְט יָא אוֹיף דִיר, וָואס גֵייט דִיר אָן וִוי אַזוֹי מֶען קוּקְט אוֹיף דִיר? אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ אַזוֹי צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס זָאל אִים גָארְנִישְׁט אָנְגֵיין וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן אוֹיף אִים אוּן וָואס מֶען טְרַאכְט פוּן אִים, דִי מֹחַ מַחְשָׁבָה זָאל זַיין בַּאהָאפְטְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת, וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט דִי מֹחַ רֵיין פוּן דִי אַלֶע דִמְיוֹנוֹת, 'מֶען קוּקְט אוֹיף מִיר', 'מֶען זָאגְט אוֹיף מִיר', 'מֶען רֶעדְט פוּן מִיר', דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען אֵיין שְׁטִיק דִמְיוֹן; אַז מֶען פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, מֶען רֶעדְט יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט דִי מֹחַ רֵיין פוּן דִי זַאכְן, מֶען טוּט וָואס אִיז רִיכְטִיג, מֶען טוּט דֶעם רָצוֹן הַשֵּׁם, אוּן צוּ דִי מַדְרֵיגָה קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער זוֹכֶה זַיין דוּרְךְ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן; דוּרְךְ רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן קוּמְט מֶען אָן צוּ דֶעם.

אַז דִי סְעוּדָה צִיט זִיךְ אוּן דוּ הָאסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן - זָאלְסְטוּ נֶעמֶען אַ תְּהִילִים אוּן זָאגְן תְּהִילִים; פּוּרִים אִיז אַזַא הֵיילִיגֶע טָאג, מֶען קֶען פוּעֶלְ'ן פַאר זִיךְ אוּן פַאר אַנְדֶערֶע - יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת. זִיץ בַּיים טִישׁ מִיט אַ תְּהִילִים אוּן זָאג תְּהִילִים, אָדֶער זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס טוּ אִיךְ וֶוען אִיךְ גֵיי צוּ אַ שִׂמְחָה אָדֶער אַ מְסִיבָּה וְכַדוֹמֶה, אַנְשְׁטָאט זִיצְן שָׁעוֹת אוּן גָארְנִישְׁט טוּן, נֶעם אִיךְ אַ תְּהִילִים, אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ מִתְבּוֹדֵד.

אִיךְ וֶועל עֶנְדִיגְן מִיט אַ מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אַסַאךְ דֶערְצֵיילְן, מֶען הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט פֶּסַח בַּיינַאכְט וִוי אַ פָּשׁוּט'ער אִיד וֵויינְט בַּיי דִי וֶוערְטֶער: "תָּם מָה הוּא אוֹמֵר?" עֶר הָאט עֶס אִיבֶּערְגֶעזָאגְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל בִּשְׁעַת וֶוען עֶס אִיז אִים גֶערִינֶען טְרֶערְן פוּן דִי אוֹיגְן, וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס אִיז דָא צוּ וֵויינֶען בַּיי דִי וֶוערְטֶער?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ פַארְשְׁטֵיי גָארְנִישְׁט פוּן דִי גַאנְצֶע

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה. דֶערְפַאר אִיז גֶענוּג וֶוען מֶען טְרִינְקְט צְוֵויי דְרֵיי כּוֹסוֹת מֶער פוּן וִויפִיל מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט, בִּיז דִי קָאפּ הֵייבְּט זִיךְ אָן צוּ דְרֵייעֶן אוּן מִיט דֶעם הָאט מֶען יוֹצֵא גֶעוֶוען. נִישְׁט וִוי דִי וָואס טְרִינְקְן זִיךְ אָן אוּן וֶוערְן שִׁיכּוֹר וִוי לוֹט, אוּן זֵיי פַארְפַאסְן בֶּענְטְשְׁן, דַאוֶוענֶען, אוּן קְרִיאַת שְׁמַע; וָואס הָאבְּן זֵיי אוֹיפְגֶעטוּן מִיט דֶעם? אוֹיסֶער דֶעם דַארְף מֶען וִויסְן אַז דָאס טְרִינְקֶען טָאר נִישְׁט צוּבְּרֶענְגֶען אַז מֶען זָאל צוּלִיבּ דֶעם שֶׁעדִיגְן אָדֶער שְׁלָאגְן אַ צְוֵוייטְן אִיד חַס וְשָׁלוֹם.

דֶער עִיקָר צוּ וָואס מֶען דַארְף צוּקוּמֶען אִיז אַז מֶען זָאל נִישְׁט וִויסְן קַיין חִילוּק צְווִישְׁן "אָרוּר הָמָן" אוּן "בָּרוּךְ מָרְדְכַי". מָרְדְכַי הַצַּדִּיק אִיז דִי גְרֶעסְטֶע קְדוּשָּׁה וָואס עֶס אִיז נָאר דָא, אוּן הָמָן הָרָשָׁע אִיז דִי גְרֶעסְטֶע טוּמְאָה וָואס בְּרֶענְגְט אַריין אִין מֶענְטְשְׁן סְפֵיקוֹת אוּן קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס מַאכְט אַז מֶען זָאל טוּן עֲבֵירוֹת אוּן זִיךְ אָפְּרַייסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן חַס וְשָׁלוֹם.

פּוּרִים דַארְף מֶען צוּקוּמֶען צוּ וִויסְן אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס לִיגְט שׁוֹין טִיף אִינֶעם "אָרוּר הָמָן", זַיין גַאנְצֶער קָאפּ אוּן מֹחַ לִיגְט נָאר אִין עֲבֵירוֹת, עֶר הָאט שׁוֹין גֶעטוּן אַזוֹי סַאךְ עֲבֵירוֹת אִין זַיין לֶעבְּן אוּן עֶר אִיז אַזוֹי וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז אוֹיךְ אַ "בָּרוּךְ מָרְדְכַי", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אוֹיךְ מִיט אִים שְׁטֶענְדִיג, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן אִים קֵיינְמָאל, עֶר דַארְף נָאר עֶפֶענֶען זַיין מוֹיל אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִין יֶענֶע סֶעקוּנְדֶע אִיז עֶר שׁוֹין צוּרִיק בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

(קוּנְטְרֵס אַ פְרֵיילִיכְן פּוּרִים)



שרייבט דער ראש ישיבה שליט"א, "יעצט איז דא א מלחמה צווישן צוויי גרויסע לענדער, רוסלאנד מיט אוקריינא; וואו מען גייט און וואו מען שטייט זאגן אלע 'פארוואס דארף מען זיך קריגן?' מענטשן האבן נישט קיין כח פאר מלחמות, אבער קיינער כאפט זיך נישט אז מיר דארפן אליינס אנהויבן לעבן בשלום, זיך נישט קריגן איין איד מיט'ן צווייטן".

**לא ישא גוי אל גוי חרב ולא ילמדו עוד מלחמה!**

***

# מסיבת הכרת הטוב דעם פארגאנגענעם מוצש"ק

דעם פארגאנגענעם מוצאי שב"ק זענען פילע אנשי שלומינו זיך צוזאמגעקומען צו א הערליכע מלוה מלכה און מסיבת "הכרת הטוב" וואס איז אהערגעשטעלט געווארן לכבוד די אלע טייערע אינגעלייט וואס נעמען אנטייל און העלפן באצאלן די רענט פאר די בנינים פון די הייליגע מוסדות במשך די גאנצע יאר.

די "רענט קאמפיין" ווערט אנגעפירט מיט גרויס איבערגעגעבנקייט דורך מו"ה שבתי דוד מארקוס הי"ו און מו"ה אשר בער אינדארסקי הי"ו וועלכע טראגן דעם עול און העלפן באצאלן די חודש'ליכע רענט פאר'ן בנין פון די הייליגע ישיבה. די צוויי חשובע אינגעלייט ווערן אויפגענומען מיט גרויס ווארעמקייט יעדן חודש דורך אנשי שלומינו, וועלכע שפירן א זכיה צו קענען צולייגן א פלייצע און ארויסהעלפן באצאלן די חודש'ליכע רענט, וואס מיט דעם נעמען זיי אראפ דעם פינאנציעלן עול וואס איז געליגן אויפן ראש ישיבה שליט"א, אזוי אז דער ראש ישיבה שליט"א קען זיך אפגעבן מיט מער הרחבת הדעת מיט אונז, ארייננצולייגן אין אונז די עצות און חיזוק פון הייליגן רבי'ן, אונז מקרב זיין צום אייבערשטן און אונז שטארקן מיט תורה און תפלה און חיזוק אנצוגיין אין לעבן.

צום ערשט האבן גערעדט עטליכע בעלי דרשנים, און דערנאך האט מען געהערט דברות קודש פונעם ראש ישיבה שליט"א, מ'האט אויסגעטיילט מתנות פאר אלע נדבנים, דער עולם האט זייער הנאה געהאט פונעם הערליכן געשמאקן פראגראם.

א פולע דעטאלירטע באריכט פונעם מלוה מלכה, לייענט אינעם "קרית ברסלב בלעטל" צייטונג.

**עזוב תעזוב עמו!**

BreslevCenter.com\answers

<<<<<< שו"ת ברסלב

הַגָּדָה, דָא זֶע אִיךְ חָכָם מָה הוּא אוֹמֵר, רָשָׁע מָה הוּא אוֹמֵר, תָּם מָה הוּא אוֹמֵר, דֶער חָכָם זָאגְט עֶפֶּעס אוּן דֶער רָשָׁע זָאגְט עֶפֶּעס, וָואס גֵייט מִיר אָן וָואס דֶער חָכָם זָאגְט אוֹיף מִיר אוּן וָואס דֶער רָשָׁע הַאלְט פוּן מִיר? אֵיין זַאךְ גֵייט מִיר אָבֶּער יָא אָן: "תָּם, מָה הוּא אוֹמֵר?" עֶר וַוייזְט מִיטְן פִינְגֶער אַרוֹיף אוֹיבְן: "וָואס זָאגְט מֶען אוֹיף מִיר אוֹיבְן אִין הִימְל (אוֹיף רוּסִיש זָאגְט מֶען 'דָארְט' – תָּם); דֶער הַאלְט פוּן מִיר, דֶער צְוֵוייטֶער הַאלְט נִישְׁט פוּן מִיר, אֵיינֶער זָאגְט אִיךְ בִּין אַ בַּטְלָן, אַ צְוֵוייטֶער זָאגְט אִיךְ בִּין אַ שְׁלִימַזָל, מֶען קוּקְט אוֹיף מִיר, מֶען טְרַאכְט אִיךְ בִּין אַ נַאר, אִיךְ בִּין אַן אוֹיסְגֶעשְׁפִּילְטֶער, אָבֶּער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס זָאגְסְטוּ אוֹיף מִיר? רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם בַּיי דִיר וִויל אִיךְ נִישְׁט זַיין אַן אוֹיסְגֶעשְׁפִּילְטֶער, וַוייז מִיר אַבִּיסְל לִיבְשַׁאפְט, וַוייז מִיר אַז דוּ הָאסְט מִיר לִיבּ, אִיךְ וִויל נִישְׁט גָארְנִישְׁט - נָאר טוּן דַיין ווִילְן".

דִי מַעֲשֶׂה פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ אוּנְז זֵייעֶר אַסַאךְ דֶערְצֵיילְן, דָאס הָאט אוּנְז גֶעטְוֹישְׁט אוּנְזֶער מֹחַ מַחְשָׁבָה, מִיר זָאלְן אוֹיךְ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זָאגְן: "תָּם מָה הוּא אוֹמֵר? רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס זָאגְסְטוּ אוֹיף מִיר? רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס זָאגְט מֶען אִין הִימְל אוֹיף מִיר? אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִיק, אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין דָבוּק צוּ דִיר".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פְּקוּדֵי תשפ"ב)

# הצלת נפשות

העלפט ארויס א חשובע היימישע פאמיליע וואס איז אנטלאפן פון אוקריינא צוליב די מלחמה און איז געבליבן מיט גארנישט

**212-444-9191 #8**

**charidy.com/ukfamily**

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'
## רוסלאנד'ס אינוואזיע אין אוקריינא

שטייענדיג צוויי וואכן אריין אין די מלחמה פון רוסלאנד און אוקריינא, איז דער ראש ישיבה שליט"א ווייטער מחזק און מעורר אז יעצט איז די צייט צו חזר'ן אסאך אמונה, וויסן און גלויבן אז גארנישט פאסירט פון זיך אליין, אלעס און יעדער איז נאר אין דעם אייבערשטנ'ס הענט, און מיט דעם גייט אוועק אלע פחדים און שרעק. ווען מען נעמט גוט אריין אין קאפ די הייליגע אמונה, ווייסט מען אז די איינציגסטע אדרעס וואו זיך צו ווענדן איז נאר צום אייבערשטן אליין, מיר דארפן אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז קיין שום איד זאל נישט געשעדיגט ווערן, עס זאל נאר שלום אויף דער וועלט, און גלייכצייטיג בעטן מיר דעם אייבערשטן אז מיר זאלן קענען פארן אויף ראש השנה קיין אומאן צום הייליגן רבי'ן, אן קיין שום שטער.

ווי געמאלדן פארגאנגענע וואך, האט דער ראש ישיבה שליט"א פארפאסט א ספעציעלער ניגון אויף די מלחמה, צו חזר'ן און געדענקען אז די איינציגסטע עצה פאר יעדע זאך איז נאר אמונה און תפלה. די וואך איז ארויסגעקומען א פרישער ניגון איבער דעם, פאלגענד זענען די ווערטער פונעם ניגון:

**איך בין דערשראקן אלעס איז שווארץ, ס'שטעלט זיך אפ די פולס פון מיין הארץ, קאמיוניסטן סאציאליסטן, נעמען איין די גאנצע וועלט. איך לאז איבער מיין גאנצע הויז, איך נעם מיין ברויט און איך לויף ארויס, אין א וואלד איך באהאלט זיך, אין א טונקעלע געצעלט.**

**זיי נישט דערשראקן, זיי נישט צעבראכן, רעד צום באשעפער, וועט דיר ווערן בעסער. זאג, ראטעווע מיך באשעפער, בארואיג מיך באשעפער, איך האלט מער נישט אויס, הייל מיך שוין אויס.**

**אוי געוואלד איך פיל נישט גוט, איך קען שטארבן יעדע מינוט, רוסן זע איך, באמבעס הער איך, די פחד איז ממש געפערליך. רוף הצלה און א דאקטער ברענג, ווייל מיין מח איז שוין זייער ענג, שנעלער געב מיר טיילענאל, אדער אפשר אלקאהאל.**

**זיי נישט דערשראקן, זיי נישט צעבראכן, רעד צום באשעפער, וועט דיר ווערן בעסער. זאג, ראטעווע מיך באשעפער, בארואיג מיך באשעפער, איך האלט מער נישט אויס, הייל מיך שוין אויס.**

אויפ'ן "קול ברסלב" טעלעפאן ליין איז געעפנט געווארן א ספעציעלער אפטיילונג אויף די יעצטיגע מלחמה צושטאנד, וואו מען קען הערן ניגונים, קורצע דברי חיזוק, לענגערע דרשות, און בריוו פארגעליינט. צו הערן דרוקט 1 פאר אידיש, און דערנאך 1 און 6 פאר די נייע מלחמה אפטיילונג. זעט די נומערן פון "קול ברסלב" אינעם קעסטל ביים סוף פונעם גליון.

גלייכצייטיג איז דער ראש ישיבה שליט"א מעורר אז אין א צייט וואס יעדער וואונדערט זיך פארוואס עס פעלט אויס די גאנצע מלחמה, פארוואס פעלט אויס זיך צו קריגן, זאל מען זיך אויך קוקן אין שפיגל און זען צי עס איז טאקע וויכטיג די מחלוקת'ן וואס מען קריגט זיך מיט דעם און מיט יענעם, אין א בריוו

<<<<<<

# סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **אהרן ווערבערמאן** הי"ו

**חבר הנהלת המוסדות**

**צו די שמחה פון זיין טאכטער למזל טוב עב"ג**

החתן מו"ה **אברהם** הי"ו

בן מו"ה **חיים אלי' צוויבל** הי"ו

***

מו"ה **משולם פייש פעלבערבוים** הי"ו

**צו די שמחה פון זיין טאכטער למזל טוב עב"ג**

החתן מו"ה **שמעון** הי"ו

בן מו"ה **יצחק אביש** הי"ו

***

מו"ה **דוד יודא איידליס** הי"ו

**צו די שמחת בר מצוה למזל טוב פון זיין זון**

הבחור **שמעון עמרם** נ"ו

***

החתן **יצחק רוטנער** הי"ו

**צו זיין שידוך שליסן למזל טוב עב"ג**

***

מו"ה **רפאל פורסט** הי"ו

**אדמיניסטראטער של מוסדותינו הקדושים**

**צו די געבורט פון א צווילינג למזל טוב**

# ישיבה "תפארת התורה"

**צוליב דעם גרויסן פארלאנג וואס מיר האבן געהאט די פארגאנגענע יארן אז די בחורים פון ישיבה זאלן ארויף קומען משמח זיין בעצם יום הפורים, ווען מיר דאס יאר נישט ארויפגיין צו קיינעם, נאר מיט א פאראויס באשטימטע אפוינטמענט.**

רופט שוין

**917-232-9070**

# זייט מתפלל!

פאר ר' **יצחק** בן **פייגלא**

**פאר א גאנצע און שנעלע רפואה בקרוב**

# "היכל הקודש" ברסלב וויליאמסבורג

נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

## זמנים לימי הפורים

| | |
|---|---|
| תפלת מנחה תענית אסתר | 7:00 |
| קריאת המגילה ליל פורים | 8:10 |
| תפלת שחרית ביום הפורים | 9:00 |
| קריאת המגילה | 10:00 |
| סעודת פורים | 6:00 |

ואחר כך ריקודין בשירה וזמרה לכבוד היום

**סעודת שושן פורים מוצאי שב"ק............10:00**

**עס וועט אי"ה זיין א הערליכער פארשטעלונג**

**די ווייבער שול וועט אי"ה זיין אפן אין די אלע זמנים**

א פרייליכן פורים, הגבאים

# פורים אפטיילונג

מגילת אסתר פארגעלערנט, שיעורים אויף פורים, מעשיות פאר קינדער, זיך אויסלערנען ליינען די מגילה, פורים'דיגס, און נאך

## קול ברסלב

**212-444-9191**

**1, 1, 9, 5**

# חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

הפצת הגליון בבארא פארק נתנדב לזכות מרדכי בן רות לזיווג הגון בקרוב ממש. במאנסי ע"י מו"ה אברהם חיים קלאגסברוין הי"ו להצלחה בכל הענינים

< BreslevCenter.com >